Rok I. Żydowska Gazeta Robotnicza. Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 39.

די אדרעסע פון דער רעדאקציע
און אדמיניסטראציע:
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.

טעלעפאן נומער 624

איינצעלנע נומער 8 העל.

יודישע
# ארבייטער=צייטונג

ארגאן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז:
יעהרליך: 4. קראנען.
האלביעהרליך: 2. קראנען.
פיערטעליעהרליך: 1. קראנע.

פרייז פון אנאנסען:
פיר יעדער שורה פעטיט אדער
איהר פלאטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 29 grudnia 1905. — נומר 39. — קראקוי, 29 דעצעמבער 1905.

## גענאסען, פערשפרייט די „יודישע ארבייטער צייטונג"!

### צו די לעזער.

אבנעבענדיג אין די הענד פון די לעזער דעם 39־טען נומער „יודישע ארבייטער צייטונג", דעם לעצטען נומער אין דעם יאהר, האלטען מיר פאר נויטהיג זיך קורץ מיט אייך דורך שמיעסען.

מיר וועלען ניט רעדען וועגען פראגראם פון דער „יודישע ארבייטער צייטונג". איהר נאמען זאגט עס קלאר: זי איז א צייטונג פאר יודישע ארבייטער; זי פארטרעט זייערע אינטערעסען **אלס ארבייטער** און **אלס יודען**.

אז אונזער צייטונג איז א סאציאל־דעמאקראטישע, א פארטייאישע — ווייסען אויך אונזערע לעזער גאנץ גוט. מיר האבען זיך דערמיט ניט בעהאלטען, מיר שרייבען עס שטענדיג אויף דער שפיטצע פון אונזער צייטונג.

אלס אן־ארבייטער פארטיי האבען מיר נאך בורזשואזע גענענער, קלאסען־גענגער. יעדער ברויטגעבער איז א נאטירליכער שונא פון יעדער ארבייטער צייטונג.

אלס יודישע ארבייטער האבען מיר נאך גענגער: די פערשיעדענע יודישע שאוויניסטען, די ספעציעלע יודישע חולאת — די ציוניסטען און אלע זייערע געשטאלטען.

אלס ארגאניזירטע, דיסציפלינירטע סאציאל־דעמאקראטען האבען מיר גענגער: אלע ווילדע וואס „ווילען קיין צוים ניט טראגען", פערשיעדענע פאנטאסטען און בטלנים, אינדיווידועלע און ז. וו.

צו די אלע גענגער איז שוין די יודישע סאציאליסטישע ארבייטער פרעסע, וועלכע געהט שוין אין גאליציען ארויס, מיט קליינע אונטערברעכונגען, זייט פיערצעהן יאהר, געוואהנט.

דעם יאהר אבער זענען אונז צוגעקומען ספעציעלע גענגער. א קליינע טהייל אונזערע געוועזענע גענאסען מיט עטליכע פיזיש און מאראליש ניט דערוואקסענע אקאדעמיקער אן דער שפיטצע האבען פערלענט א בעזונדער „סאציאליסטישע" ארגאניזאציאן, ניט קוקענדיג אויף די בעשלוסען פון דער פוילישער און נאכהער אלגעמיין עסטרייכישער פארטיי־עקזעקוטיווו, וועלכע האט ערקלעהרט, אז זיי שטעהען אויסער דער אלגעמיין עסטרייכישער סאצ. דעמ. פארטיי; ניט קוקענדיג אויף דער הסכמה פון דעם אלגעמיין עסטרייכישען סאצ. דעמאקראטישען קאנגרעס, טהוען זיי ווייטער דאס זייערינע, און זייער אויפגאבע איז ווירקליך א לייכטע אבער גלייכצייטיג א טייוואלישע: **צושטערען די יודישע געווערקשאפטליכע ארגאניזאציעס.**

די יודישע ארגאניזאציעס אין לעמבערג און אין קראקוי זענען, מיט קליינע אויסנאהמען, קיינמאל ניט געווען איבריג שטארק. די גאליציאנער בעדינגונגען און די ספעציעל שווערע בעדינגונגען אין וועלכע דאס יודישע פראלעטאריאט געפינט זיך האבען שטענדיג געלעגט זייער סטעמפעל אויף די פעראיינען. די סעפאראטיסטען — אזוי רופען זיך די ארגאניזאציאנס־צושטערער — האבען זיך א נעהם געטהון צו די ארגאניזאציעס, האבען אריין געטראגען אהין מחלוקות און די אונ־פרוכטבארסטע דיסקוסיאנען און געמאכט פון זיי א תל.

אין דעם זעלבען מאמענט ווען די קריסטליכע געווערקשאפטליכע ארגאניזאציעס האלטען איצט אין איין וואקסען, פיהרען די ארגאניזאציעס, וואו די סעפעראטיסטען שטעקען, א טרויעריגע עקזיסטענץ.

איצט האבען זיי זיך גענומען צו אונזער פרעסע. עס איז ניטא א פער־לייםדונג, וועלכע זיי זאלען אויף אונז ניט ווארפען, זיי אגיטירען געגען אונזער פרעסע מיט אלע מיטלען, פיעל מעהר ווי אלע אונזערע פאריגע גענגער.

גענאסען! אט די קאריקאטורען, וואס זענען מבזה דעם „בונד" האלטענדיג איהם שטעטס אין מויל, אט די ארגאניזאציאנס ברעכער האבען די העזה צו ערקלעהרען, אז זיי זענען די „איינציגע רעפרעזענטאנטען פון דעם יודישען פראלעטאריאט".

מיר האלטען פאר אונזער חוב אייך אויפמערקזאם צו מאכען, גענאסען אויף די שעדליכע און שענדליכע ארבייט פון דער „פסיכאלאגישער פארטיי" מיר האפען, אז איהר וועט ערפילען אייער פפליכט.

פון אייער ענערגיע, פון אייער ענטשלאסענהייט וועט זיך ווענדען, צו דאס יודישע פראלעטאריאט וועט ניך לאז ווערען פון די ניט געבעטענע אפוטרופסים אדער זיי וועלען ווייטער שטערען און ברעכען דאס וואס איהר האט זייט העכער צעהן יאהר געבויט.

גענאסען! פראטעסטירט איבעראל געגען די ארגאניזאציאנס־ברעכער, האט מיט זיי ניט קיין מנא ומשא, בעהאנדעלט זיי ווי מען בעהאנדעלט סטרייק־ברעכער!

גענאסען! **אגיטירט פאר די „יודישע ארבייטער צייטונג", זאמעלט פאר איהר פרעספאנד, שרייבט קארעס־פאנדענצען!**

די רעדאקציאן.

# אויפ׳ן בית עולם.

אין אַ שוואַרצען פינסטער מאַנטעל
ציהט זיך אָן די נאַכט
און איך געה אויפ׳ן בית עולם
עלענד שטיל פערטראַכט.
ד׳טראַכט פון פיעלע פרייהייטס-קעמפפער
וועלכע ליעגען טויט,
ד׳צייל די קברים, וועלכע זענען
ווייט אַרום פערשפרייט.
ד׳צייל און צייל און ווער פערטומעלט
ד׳צייל זיי נאָך אַמאָל:
אָך אומזיסט — די קברים זענען
אָהן אַ שיעור, אָהן אַ צאָהל.
שטיל פערצווייפעלט האלז איך, קוש איך
יעדען קאַלטען שטיין,
איינזאַם, עלענד, געה איך בלאָנזשע
און איך וויין און וויין.
דאָך עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער
ווען איך זעה אַרום,
ווי פון יעדען קבר בערגעל,
בליהט אַרויס אַ בלום.

ב. ראָזענבלום. („די צוקונפט")

# פון פראווינץ.

קאלעמעא דעם 25-טען ד. מ.

„ראו מה בין בני לבן חמי".

די וועלט זאָגט אַ ווערטיל: וואו אַ ויהי איז אַ צרה. אַזאַ ויהי זענען ביי אונז די יודישע פערזאָרגער — די ציוניסטען. איך וויל אייך דייטליכער ערקלעהרען וואָס איך מיין דערמיט. ביי אונז אין קאלאָמעא האָבען זיך די ציוניסטען בכלל און זייער פיהרער דר. ראָזענהעק בפרט ליעב איבעראל צורוקען. וואו עס איז גור עטוואָס אַ חתונה זענען זיי מחותנים, אפילו אומגעבעטען; טהוט יעמאַנדען וועה דער קאָפּ — ווילען זיי זיין דאָקטוירים און היילען, מען זיין גור מיט באַבסקי רפואות. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס יעדער ווייסט שוין ווי ווייט זייערע רפואות זענען שלעכט פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק בכלל און פאַר'ן פראָלעטאַריאַט בפרט; חאָטש יעדער איז אַ מבין אויף זייער שדכנות אין יעדער קען זיי שוין פאַר פאָלקספערעטהער, אַז זייער אַנפיהרער האָט זאָגאַר מעלים געוועזען געלדער פאַר די שטרייקענדע טלית-וועבער — פריבען זיי דאָך איבעראל די סאָציאַליסטען צו פערליימדען, צוסטעמפלען זיי אַלס גנבים, רויבערבאַנד און פאַלש-שווערער. אַזוי האָט אונזער הייסער ציוניסטישער אַניטאַטאָר ר' טויבים געראַטען די היגע סוחרים, זיי זאָלען אָבציהען זייערע אַנגעשטעלטע פאַר זאָנטאַגס-רוה. און אַזוי האָט דער דר. שלמה ראָזענהעק דעם 23-טען ד. מ. צונויפגערופען די יודישע סוחרים און האָט אַגיטירט, די געוועלבער זאָלען דעם 28-טען, אין טאָג פון דער דעמאָנסטראַציאָן און געגעראַל-סטרייק ניט זיין געשפּערט; אַז זיי זאָלען מיט אַלע מעגליכע מיטלען אָבהאַלטען זייערע אַנגעשטעלטע פון אַנטהייל נעמען אין דער דעמאָנסטראַציאָן. און דערביי האָט ער געוואָרפען שמוציגע בלבולים אויף די פיהרער פון דער היגער אַרבייטער בעוועגונג, ניט בעמיהענדיג זיך מיט איין וואָרט די בלבולים צובעווייזען, אָט ווי געוועהנליך ציוניסטען. און דער ציוניסט איז נאָך אַ ספעציעלער תכשיט: סאָקאָליסט — ציוניסט — סעפּאַראַטיסט און דער טייוועל ווייסט וועלכע

# גיט אונז דאס גלייכע דירעקטע, געהיימע, און אלגעמיינע וואהלרעכט!

# פעליעטאָן.

## פערלארען!

(אַ בילד פון לעבען).

(ענדע).

אַגאַנצען טאָג איז בער׳ל געזעסען ווי אַ צוגעשמידעטער צום מאַשין און געארבייט. אַז אַלע זענען אוועקגעגאַנגען עסען מיטאָג, האָט ער אויך אַריין געחאַפּט אין ווערקשטוב אַ הערינג מיט ברויט, גיך אָבגעגעסען און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. דער קאָפּ האָט איהם די גאַנצע צייט געטומעלט מיט פערשידענע געדאַנקען, געדאַנקען, וואָס ער האָט זיי ניט געקענט צוזאַמען חאַפּען אין צונויפשטעלען. האַלבע, אָבגעריסענע רעיונות פליהען דורך דורכ׳ן קאָפּ און פערמישען זיך מיט אַנדערע. עס דרעהט און עס מישט זיך אין דער רענד אַלץ וואָס עס פליהט נאָר אַריין. די אויגען בלישטשען פון צאָרן און האַס. דאָס אַלעס דריקט איהם אויפ׳ן האַרצען ווי אַ שווערער שטיין. עס איז פול מיט ווייטאַג אין כעס. עס רייסט זיך און פלאַצט פאַרנאַנדער אויף שטיקער פון שמערצען און קלעמעניש. עס פאָדערט... עס מאָהנט... עס רייסט זיך עפּעס... וואוהין?... און עס איז שווער זיך צו געבען אַ רעכענונג.

אַנדערע האָבען אויף איהם נאָכהער געקוקט מיט רחמנות און איהם געוואָלט טרייסטען, לייכטער מאַכען אויפ׳ן האַרצען, נאָר אַלעמען האָט ער קאַלט בעגעגענט. קיינער האָט איהם היינט ניט געקענט צוטרעפען. וואָס פאַר אַ ווערטער איינער זאָל מיט איהם ניט ריידען, פלעגט ער ענטפערן גאַנץ קאַלט, שאַרף אין כמעט שטענדיג די זעלבינע זאַך:

— אָבער וויזט דאָך שוין מיר מעהר ניט אייערע רחמנות פּנימער! ווייט מענשען. איהר זייט קיינער ניט פערזיכערט מיט׳ן מאָרגענדיגען טאָג. נאָר עס שאַדט נישט! דער הונגער איז אַ גוטער רבי, ער וועט אייך אויסלערנען...

היינט האָט עס אויף בער׳לען געווירקט מעהרער ווי אַלע איבעריגע טעג. שוין ניט איין מאָל האָבען זיך אָבגעשפּיעלט אַזעלכע דראַמעס ביי איהם אין ווערקשטוב, ניט אַזוי מיט איהם אַליין, ווי אויך מיט אַלע איבריגע. שוין ניט איין מאָהל האָט ער דערפיהלט דעם היסוף פון זיך מיט דעם בעל הבית און וואָס ער איז פעהיג יעדען מאָמענט צו טאָהן, ער האָט געוואוסט. נאָר היינט האָט עס איהם עפּעס זיינע ווערטער צו אָפען געשטאָכען ווי מיט שאַרפע מעסערליך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אין די אויגען, אין קאָפּ, אין האַרצען, איבעראַל וואו עס געפינט זיך נאָר לעבען. היינט האָט איהם די געשיכטע מעהר פאַרשטיינערט און איז דעריבער אַזוי געזעסען ביז שפּעט אין דערנאָכט ביי דער אַרבייט אין מיט קיינעם ניט גערעדט. באַלד האָט שוין די אוהר געשלאָגען עלף און די ווערקשטוב איז פאַרשלאָסען געוואָרען.

דער ווינד האָט שוין אויפגעהערט צו שטורמען און דער בלויער הימעל איז ריין געוואָרען פון די פינסטערע וואָלקען. העלל זילבערנע שטראַהלען גיסט אַראָב די בלייכע לבנה אויף דעם ווייס זילבערנעם שנעע. מיליאָנען שטערענדלעך בלישטשען און טאַנצען אַרום אויפ׳ן הימעל... עס ציהען זיך שטערענס פלינק אַריבער פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען. די לבנה איז איינגעוויקעלט אין אַטיעף-בלויען וואָלקען-שלייער און קוקט זיך מיט אַ טרויעריגען אָבער ליעבליכען, שמייכעל פון צווישען די וואָלקען. לאַנגזאַם שווימט זי זיך איבער די עפיר און איהר מאַט בלאַסער פּנים ווערט צייטענווייז פאַרציינגען מיט אַ שוואַרצען וואָלקען-פלעק. די גאַסען זענען אָנגעשאַטען פול מיט שנעע. איינינע ערטער זענען אָנגעשאַטען גרויסע הויפענס און אויסגעגלעטע דורכ׳ן ווינד. אַנדערש וואו זעהען זיך אַרויס די שטיינער. גאַנץ אָפט דערהערט זיך דאָס קראַכען פון אַ ווראָנע, אָבער זי ווערט באַלד איבערגעריסען דורך דאָס פּיפּצען אין זינגען פון אַגאַנצע סטאַ פּיגעלעך וואָס פליהען צו אַ חתונה... עס פריהרט און עס רעטהעט דער פראָסט אין די באַקען. עס סקריפּעט און קלינגט די טריט אויפ׳ן שניי. אַלע קראָמען אין פענסטער זענען פערמאַכט. עס שלאָפט די גאַס, עס שלאָפט די שטאָט און אַלעס איז שטיל און רוהיג...

## די אידישע ארבייטער ביבליאטעק

פון

דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי.

| | |
|---|---|
| גן־עדן התחתון. פרייז: | 2 העלער. |
| קאוטסקי. די אונאבהענגיקייט פון פוילען. פרייז: | 10 „ |
| פייגענבוים. ווי קומט א יוד צו סאצ.? פרייז: | 20 „ |
| א ווראנסקי. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 „ |
| ש. דיקשטיין. פון וואס איינער לעבט. פרייז: | 20 „ |
| וואס יעדער ארבייטער דארף וויסען און געדענקען. | 30 „ |
| ליעבקנעכט. די וואהרהייט איבער דעם סאצ. | 30 „ |
| די ארבייטער רעוואלוציאן. פרייז: | 15 „ |
| א. דעמבסקי. סטאניסלאוו קוניצקי. פרייז: | 10 „ |
| מ. מיבלזאהן. הערשעל דער שניידער. פרייז: | 10 „ |
| לאטאנניק. יאראסלאוו דאמבראווסקי. פרייז: | 10 „ |
| שפיאן. פרייז: | 15 „ |
| לאטארניק. די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן. | 20 „ |
| ב. א. י. לודוויג ווארינסקי. פרייז: | 20 „ |
| אמ עריקאנער. פיל יפינא פלאסקאוויצקא. פרייז: | 10 „ |
| ארבייטער געדיכטע. פרייז: | 30 „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאצקי: פרייז: | 10 „ |
| א קלארער יזומפער (ביילאגע צום 8־טען נומער „ארבייטער"). פרייז: | 15 „ |
| די ארבייטער סאלידאריטעט און דער קאמפף אום דאזיין. פרייז: | 10 „ |
| פערדינאנד לאסאל. פרייז: | 15 „ |
| מ. מיכלזאהן. טאדעאוש קאשציושקא. פרייז | 20 „ |
| ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. א ויכוח וועגען די פוילישע סאציאליסטיש פארטיי און איהרע פאדערונגען, אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 „ |

פון „פשערשוויט". Kraków, Grodzka 50.




## די ביליגסטע בעצוגסקוועלע

אין ־טען אוהרען, גאלד און זילבער, בּיזשוטעריע, אוהרען־בעשטאנד־טיילע און ווערקציינגע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**IGNATZ CYPRES Krakau**

FLORYAÑERGASSE 49.

איינע ניקעלטאשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא ווערקע מיט אויפשריפט „סיסטעם ראסקאפף" מיט דרייאיעהריגער גאראנטיע זאמט שענער ניקעלקעטע און לעדערבייטעל פל. 1.95.

ביי אבנאהמע פון דריי שטיק פל. 5.50, זעכס שטיק פל. —.10.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראנט מיט 800 אבבילדונגען גראטיס און פראנקא.

אגענטען ווערדען געזוכט!

---

### די קאפפער פאבריק

## ש. & מ. ד. ענגעלהערט אויס נויסאנדעץ

זוכט איינען קאפפער ארבייטער אפפערטע אונטער אבנענאנטע אדרעסע.

---

# Darmo i opłatnie otrzyma każdy mój bogato illustrowany cennik



## Instrumentów muzycznych

### oraz różnych zabawek

# A. Scheuer, Kraków

**ulica Grodzka L. 59/6.**

---

# DoAmeryki i Kanady!



przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt.

Generalny agent

## M. G. Freudberg, ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do Nowego Yorku co sobotę; do Kanady co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od te Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.

---

## Tajny memoryał kuratora warszawskiego Szwarca

w sprawach szkolnych

Cena 1 kor.   Cena 1 kor.

## Strejk polityczny w Królestwie Polskiem

Cena 2 kor.   Cena 2 kor.

Do nabycia we wszystkich księgarniach oraz administracyi „Naprzodu" i „Przedświtu" (Kraków, Grodzka 50). Zwracający się wprost do administracyi, nie ponoszą kosztów przesyłki.

---

# „טלית פאבריק"

## שלמה פרייער טלית פאבריקאנט קאלאמעא

### קאמיאנקאגאססע 130.

פערקויפט די פיינסטע קוואליטאטען פון טליתים גדולים וקטנים אויך טיכעל אללער ארט צו זעהר ביליגען פרייזען. די װאַרע ווירד פראמפט אונד צור בעסטען צופריעדענהייט עפעקטואירט. ווער גוטע וואַרע ברויכט, דער וועגדעט זיך צור אביגע פירמא.

